# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן
דורך בני אמונים

תשפ"א | פרשת משפטים | 369

## מאוצרות אמונים
### פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

#### א 'שלעגער' קען מען נישט מצרף זיין צו מנין

**"וְכִי יְרִיבֻן אֲנָשִׁים וְהִכָּה אִישׁ אֶת רֵעֵהוּ בְּאֶבֶן אוֹ בְאֶגְרֹף"** (כא יח)

די פוסקים שרייבן אז עס איז פארהאן א "חרם הקדמונים" אז יעדער וואס שלאגט א צווייטן איד, איז ער אין 'נידוי', און מ'טאר אים נישט מצרף זיין צו מנין, און מ'איז נישט מתיר די נידוי נאר דערנאך וואס ער האט חרטה אויף וואס ער האט געטון (זעה: רמ"א חו"מ תכ א; סמ"ע שם ד; ערוך השולחן שם ב).

דער 'חידושי הרי"ם' האט אמאל באמערקט ווי איינער פון זיינע מקורבים שלאגט א יונגערמאן, דערנאך וואס יענער האט אים זייער געמוטשעט און געשטערט פון טון זיין פליכט. פארן דאווענען מנחה האט דער 'חידושי הרי"ם' געבעטן פון יענעם מקורב ער זאל רופן ניין מענטשן צו קענען דאווענען מיט א מנין. האט דער מקורב גערופן נאך אכט מענטשן און איז אריין צום רבי'ן אין צימער, טראכטנדיג אז ער וועט זיין צווישן די ניין וואס וועלן זיין דעם רבי'נס מנין.

דער רבי האט א בליק געגעבן אויף די ארומיגע און זיך געוואונדערט אויפן קול: "וויאזוי קען איך דאווענען, אויסער מיר זענען דא נאר אכט מענטשן?", און בעפאר דער מקורב האט געקענט עפעס רעאגירן האט דער רבי פארגעזעצט: "מיינסט אפשר דיך אריינרעכענען אין די מנין; עס איז אוממעגליך דו האסט דאך היינט געשלאגן א איד!".

'מאיר עיני הגולה' אות תקמו

#### 'השוכן אתם בתוך טומאותם'

**"כִּי תִרְאֶה חֲמוֹר שֹׂנַאֲךָ רֹבֵץ תַּחַת מַשָּׂאוֹ וְחָדַלְתָּ מֵעֲזֹב לוֹ עָזֹב תַּעֲזֹב עִמּוֹ"** (כג ה)

אין מסכת פסחים (קיג א) וואונדערט זיך די גמרא וויאזוי קען זיין: "חֲמוֹר שֹׂנַאֲךָ", עס איז דאך א אפענער איסור אין פסוק (ויקרא יט יז): "לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ בִּלְבָבֶךָ"? ענטפערט די גמרא: דער פסוק רעדט פון א בעל עבירה וואס איז א מצוה אים פיינט האבן, און פון דעסוועגן האט די תורה געהייסן אויב זעסטו זיין אייזל פלאגט זיך, זאלסטו אין יענע מינוט אוועקלייגן די שנאה וואס דו האסט ביי דיר אין הארץ און אים העלפן (זעה אין 'תרגום יונתן').

רבי יהודה לייב ראבינאוויץ פון די ראשי ישיבת 'כוכב מיעקב' - טשעבין, האט אין דעם פסוק געטראפן א חיזוק פאר יעדן איד וואס געפונט זיך אין א צרה:

אין מדרש רבה אין אונזער פרשה (ל ט) ווערט געברענגט אז הקדוש ברוך הוא איז מקיים די אלע תרי"ג מצוות, און צווישן זיי איז ער זיכער מקיים די מצוה פון "עזוב תעזוב עמו". דעריבער אויך ווען מיר האבן געזינדיגט און זיך דערווייטערט פון אים, ווען מיר זענען אין א צרה וועט ער אונז זיכער העלפן.

'כרם חמד'

#### כל 'אמן' אלמנה ויתומה לא תענון

**"כָּל אַלְמָנָה וְיָתוֹם לֹא תְעַנּוּן"** (כב כא)

אין מסכת ברכות (מז א) ווארענען אן די חכמים אויף דריי ערליי 'אמן' וואס ווערן נישט געזאגט ווי עס דארף צו זיין: 'אמן חטופה' - געזאגט מיט די נישט ריכטיגע נקודות, אדער ער ענטפערט שנעל בעפאר דער מברך האט געענדיגט די ברכה; 'אמן קטופה' - ער האקט אפ די ווארט און שלינגט איין איינע פון די אותיות; 'אמן יתומה' - ער ענטפערט אמן אן צו הערן די ברכה, אדער ער פארזוימט זיך און ענטפערט נישט באלד ביי די ענדע פון די ברכה. (זעה שו"ע או"ח קכד ח).

**רבי אברהם נפתלי שַׁייֶאר** אב"ד מאגענצא זאגט אז די דריי אמנים האט דוד המלך מרמז געווען אין דער פסוק (תהילים נ טז): "וְלָרָשָׁע אָמַר אֱלֹהִים מַה לְּךָ לְסַפֵּר חֻקָּי", חק"י איז ר"ת: 'חטופה', 'קטופה', 'יתומה'.

און **רבי אליעזר הורוויץ פון טארניגראד** לייגט צו אז עס איז אויך דא א 'אמן' וואס ווערט אנגערופן ווי א 'אלמנה' - דאס איז א אמן וואס מ'האט געזאגט אן קיין כוונה. אזא אמן ווערט אנגערופן 'אלמנה' ווייל עס ווערט געזאגט נאר מיט די ליפן אן קיין נשמה. אויף דעם איז מרמז אונזער פסוק: "כָּל אַלְמָנָה וְיָתוֹם **לֹא תְעַנּוּן**" - ענק זאלן אכטונג געבן נישט ענטפערן א 'אמן יתומה' אדער א 'אמן אלמנה'.

מ'קען צולייגן אז אין א כתב יד וואס איז געשריבן געווארן אין דייטשלאנד פאר ארום פיר הונדערט יאר און איז פארעפנטליכט געווארן אין קובץ 'פעמי יעקב' (קובץ נב עמ' טו) שטייט דארט: "**ויתום לא תענון**" - איז די סופי תיבות אמן, א רמז מ'זאל נישט ענטפערן א 'אמן יתומה'.

'תורי זהב' שה"ש ד ח; 'נועם מגדים' [לר"א מטרניגראד]

#### 'שבע ביום הללתיך' - וויאזוי?!

**"וַעֲבַדְתֶּם אֵת ה' אֱלֹקֵיכֶם וּבֵרַךְ אֶת לַחְמְךָ וְאֶת מֵימֶיךָ"** (כג כה)

"'ועבדתם את ה' אלקיכם' - זו תפלה" (מכילתא דרשב"י).

**רבי אברהם בן שושן** א תלמיד פון רא"ש זאגט:

דורך תפילה איז דער מענטש זוכה אז פון הימל שיקט מען אים זיין שפייז בהרחבה, און די צאל פון די ברכות ביי שמונה עשרה איז א רמז אויף די סגולה; ביי יעדע איינע פון די דריי שמונה עשרה'ס וואס ווערן געזאגט יעדן טאג זענען דא י"ט ברכות, און צוזאמען איז עס ז"ן ברכות, פון דא איז א ראיה אז הקדוש ברוך הוא שפייזט דעם מענטש דורך תפילה. א רמז אויף דעם ברענגט דער **'בן איש חי'** פון אונזער פסוק: "ועבדתם את ה' אלקיכם" - מיט די ז"ן ברכות פון דאווענען, און דורך דעם וועלן ענק זוכה זיין צו: "וברך את לחמך ואת מימיך".

לייגט צו רבי אברהם בן שושן אז דער וואס דאוונט בציבור קען צוקומען צו די צאל פון ז"ן ברכות ביי יעדע תפילה עקסטער, וויאזוי: ווען ער דאוונט די שטילע שמו"ע האט ער י"ט ברכות. ביי די הויכע שמו"ע זאמלט ער נאך י"ט ברכות, אלס דער דין פון "שומע כעונה" (סוכה לח ב). און ווען ער ענטפערט 'אמן' נאכן ש"ץ, ווערט גערעכנט יעדע ברכה ווי נאך א ברכה, אזוי ווי די חכמים זאגן (ברכות נג ב): "גדול העונה אמן יותר מן המברך".

לויט דעם ערקלערט **רבי מנשה קליין** אונגווארער רב דער טעם פארוואס חז"ל זאגן (ברכות נז ב): "גדול העונה אמן יותר מן המברך"; דער מברך האט נאר איין ברכה, דאקעגן דער וואס הערט צו די ברכה און ענטפערט אמן איז עס אים גערעכנט ווי צוויי. מיט דעם קען מען אויך ערקלערן דעם פסוק אין תהילים (קיט קסד): "**שבע** ביום הללתיך", לכאורה יעדן טאג איז דאך דא נאר דריי תפילות? נאר, ווייל ביי שחרית און מנחה איז דא 'חזרת הש"ץ', ווערט יעדע תפילה גערעכנט ווי דריי תפילות, און מיטן רעכענען מעריב וואס האט נישט קיין חזרת הש"ץ - האבן מיר יעדן טאג זיבן תפילות.

'אבודרהם' תיקון התפילות ועניניהן; 'בן איש חי'; שו"ת 'משנה הלכות' ח"א סי' סו

## האדרת והאמונה לחי העולמים

דעם קומענדיגן מאנטאג הבעל"ט ג' אדר געפאלט אויס דער יארצייט פון ראב"ד ירושלים **רבי אליהו דוד ראבינאוויץ תאומים זצ"ל** [דער אדר"ת]. אין זיין ספר 'נפש דוד' (אות כג) שילדערט ער ווי שטארק ער האט מקפיד געווען אויף ענטפערן אמן, און אזוי זאגט ער:

**"זייער שטארק בין איך געווען געווארנט צו ענטפערן אמן נאך פון מיין יוגנט, און איך האב ליב און איך לויף מיט א אויסערגעוועונליכע ליבשאפט צו די מצוה, אזוי ווייט אז עס איז געווארן כמעט ווי מיין נאטור, דאס וואס איך האב זיך איינגעוואוינט צו הערן יעדן טאג די ברכות השחר פון עטליכע מענטשן. און יעדער וואס זעהט זאל זיך אפלערנען פון מיר אזוי צוטוהן, ליב האבן צו ענטפערן 'אמן' און 'אמן יהא שמיה רבא', וואס אמאל האט מען אין זיי גרינגגעשעצט, און מ'האט נישט געהאלטן טייער די מצוה... און אויף דעם גרינגן וועג קען יעדער איינקויפן עולם הבא, מקיים זיין הונדערטער מצוות יעדן טאג, גרינג אן קיין שוועריקייט".**





ברכות השחר: אויפן קול | מיט כוונה | מיט א חברותא.

# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר
פון דאווענען

## 'יהי רצון' נאך די ברכה 'המעביר שינה' (ד)

### גראטעוועט ווערן פון די השפעה פון געזעלשאפט

דערנאך וואס מיר האבן געדאוונט אויף תורה און מצוות, און אויך מיר זאלן נישט נכשל ווערן מיט א זינד, דארפן מיר א ספעציעלע בקשה מיר זאלן בלייבן אין די מדרגה וואס מיר האבן שוין דערגרייכט, און חלילה נישט פאלן, דעריבער בעטן מיר עקסטער: "והרחיקנו מאדם רע ומחבר רע". זיך געפונען אין א שלעכטע געזעלשאפט איז זיכער אז עס ווירקט אויף א מענטש אויף שלעכט'ס, אזוי ווי דער רמב"ם שרייבט (דעות ו א): "דרך בריתו של אדם להיות נמשך בדעותיו ובמעשיו אחר ריעיו וחביריו, ונוהג כמנהג אנשי מדינתו. לפיכך צריך אדם להתחבר לצדיקים ולישב אצל החכמים תמיד כדי שילמוד ממעשיהם, ויתרחק מן הרשעים ההולכים בחשך כדי שלא ילמוד ממעשיהם, הוא ששלמה אומר (משלי יג כ): 'הולך את חכמים יחכם ורועה כסילים ירוע'" (סידור 'תפלת ישרים').

### 'אדם רע' און 'חבר רע'

לכאורה, אין די בקשה "מאדם רע" איז שוין אויך אריינגערעכנט "ומחבר רע", פארוואס רעכענען מיר אויס עקסטער: "מאדם רע ומחבר רע"?

עס זענען דא וואס ערקלערן: "אדם רע" איז א 'מושחת', א פארדארבענער מענטש וואס קען מזיק זיין אונזער קערפער. אזא מענטש איז אויך גורם א געוואלדיגע שאדן פאר אונזער רוחניות ווייל צוליב זיין צולאזטע אויפפירונג קענען מיר נכשל ווערן מיט עבירות שבין אדם לחבירו, צ.ב.ש. נקמה אדער נטירה א.ד.ג., אבער "חבר רע" איז א מענטש וואס פירט זיך אויף צו אונז סימפאטיש און פריינטליך ווי א גוטער פריינד, נאר מיר קענען באאיינפלוסט ווערן פון זיין שלעכטע התנהגות אין די זאכן וואס זענען בין אדם למקום ('שיח יצחק' שבסידור הגר"א; סידור 'תפלת ישרים').

דער שינאווער רב האט געטייטשט: עס איז דא א מענטש וואס איז נישט א "אדם רע" פון זיין זייט, אבער זיך חבר'ן מיט אים קען אויף אונז משפיע זיין אויף שלעכט'ס, און אויף דעם בעטן אונז מיר זאלן ניצול ווערן אויך פון דער וואס איז נישט 'רע' פון זיין זייט, אבער אלץ א "חבר" איז ער "רע" פאר אונז ('מקוה ישראל ד" תפילה עמ' נה).

### עבודת ה' - 'בשני יצריך'

כאטש מיר האבן שוין געבעטן: "ואל תשלט בנו יצר הרע", בעטן מיר נאך: "וכוף את יצרנו להשתעבד לך".

אין אנהויב האבן מיר געבעטן: "ואל תשלט בנו יצר הרע" אויפן רוחניות'דיגער 'יצר הרע', וואס איז געשיקט געווארן זיך רייצן מיטן מענטש און פארגרעסערן זיין ניסיון. יעצט בעטן מיר אויפן גשמיות'דיגן 'יצר הרע' - ד.מ. די נאטור פון דער קערפער וואס ציט שטענדיג דעם מענטש זאל נאכגיין זיינע תאוות. דער יצר איז לעבנסוויכטיג פארן מענטש, ווייל ווען נישט ער - וואלט דער מענטש אינגאנצן נישט עוסק געווען אין ענינים גשמיים וואס זענען נוטיג צו זיין עקזיסטענץ, ווי עסן, טרינקען א.ד.ג., און אזוי ווי די חכמים זאגן (ב"ר ט ז): "'והנה טוב מאד' (בראשית א לא) זה יצר רע! קען מען דען זאגן אז דער יצר הרע איז זייער גוט? נאר ווען נישט דער יצר הרע, וואלט ווען א מענטש נישט געבויעט א הויז, און נישט חתונה געהאט, און נישט געבוירן און געהאנדלט".

אבער עס זענען דא אזעלעכע וואס דער יצר הרע געוועלטיגט אויף זיי און שלעפט זיי צו די גשמיות'דיגע תאוות ביז צום שאול תחתית, און עס זענען דא וואס זענען שולט אויפן יצר הרע און זיי נוצן זיך מיט אים אויף גוטע צוועקן; זייער עסן און זיך באשעפטיגן אין ענינ'י העולם איז נאר לשם שמים. דעריבער דאווענען מיר: "וכוף את יצרנו להשתעבד לך" ('דרכי נועם' ברכות נד ב; 'שיח יצחק' אין סידור הגר"א).

ווענן דעם בעטן מיר "ודבקנו ביצר הטוב" און נישט מיטן לשון: "והשלט בנו יצר הטוב", אזוי ווי די בקשה: "ואל תשלט בנו יצר הרע", ווייל ווי געזאגט איז דער 'יצר הרע' וויכטיג פארן מענטש'ס לעבן און מ'קען נישט בעטן אז נאר דער יצר טוב זאל אוף אונז געוועלטיגן. דעריבער בעטן מיר, מיר זאלן זיך מדבק זיין מיטן יצר טוב און השי"ת זאל צווינגען אונזער יצר הרע מיר זאלן זיך קענען באנוצן מיט אים נאר אויף גוט'ס, אזוי ווי די חז"ל דרש'ענען (ברכות נד א) אויפן פסוק (דברים ו ה): "וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹקֶיךָ בְּכָל לְבָבְךָ" - "בשני יצריך" - מיטן יצר טוב און יצר הרע ('עין ישראל' ברכות מו ב).

### מיר זאלן זוכה זיין מקיים זיין די מצוות פון די תורה בשלימות

נאך טייטש רבי רפאל הכהן פון האמבורג די געדאפלטע בקשות: "ואל תשלט בנו יצר הרע" - "וכוף את יצרנו להשתעבד לך": די ערשטע בקשה איז אקעגן 'סור מרע', דאס איז דער יצר הרע וואס רייצט אונז אויף שלעכט'ס, און מיר בעטן מיר זאלן מורא האבן פון ה' און זיך נישט אוועק רירן פון אים, און יעצט בעטן מיר אויף א העכערע מדרגה - אויף 'עשה טוב', מיר זאלן זיין פון די וואס דינען דעם אייבערשטן מאהבה, און דורך דעם וועט אויך דער יצר הרע איבערגעדרייט ווערן לטובה און משועבד ווערן צו עבודת הבורא, ענליך צו וואס די חכמים זאגן (ירושלמי ברכות ט ה): "אברהם אבינו עשה יצר הרע - טוב, דכתיב (נחמיה ט ח): 'ומצאת את לבבו נאמן לפניך'" ('מרפא לשון' עמוד התשובה).

נאך טייטש דער בעל 'הפלאה': אויך ווען דער יצר הרע האט נישט געקענט איבעררעדן דעם מענטש צו א עבירה און אים אפהאלטן פון טון א מצוה, פרובירט ער ווייטער פארדרייען די קאפ בשעת'ן טון די מצוה, מ'זאל מקיים זיין די מצוה 'שלא לשמה', צ.ב.ש. צוליב כבוד אדער געלט. דעריבער נאך וואס מיר האבן געבעטן: "ואל תשלט בנו יצר הרע, ודבקנו ביצר הטוב ובמעשים טובים", דארפן מיר צוקומען צו די בקשה: "וכוף את יצרנו להשתעבד לך", דער יצר הרע זאל אונז נישט צורעדן מקיים זיין די מצוות און מעשים הטובים נישט לשם שמים ('פנים יפות' בראשית יד כב).

**והרחיקנו מאדם רע** - פון די געזעלשאפט פון איינעם וואס טשעפעט א אנדער־רן **ומחבר רע** - פון א זינדיגער וואס האלט זיך נאנט צו אונז, וואס מיר קענען זיך אפלערנען פון זיינע מעשים **ודבקנו ביצר הטוב** - אונזער מחשבה זאל זיין באהאפטן צו ה' **ובמעשים טובים** - און אויך מקיים זיין די מצוות פון די תורה **וכוף את יצרנו להשתעבד לך** - אז די מצוות זאל געטון ווערן נאר לשם שמים.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## די כח פון א תפילה מיט תמימות

הגאון רבי יעקב מוצפי זצ"ל, דער ראב"ד העדה הספרדית בירושלים, איז געווען באוואוסט מיט זיין שטארקע אמונה. פון זיינע יונגע יארן ביז אויפן עלטער זענען אויף זיינע ליפן געווען אט די 'צוויי ווערטער' וואס האבן באלויכטן זיין וועג: "העיקר האמונה!"

פון מאל צו מאל, ווען ער האט געוואלט מחזק זיין אנדערע מיט די גרויסקייט פון אמונה, פלעגט ער פארציילן א וואונדערליכע מעשה וואס ער אליין האט בייגעוואוינט. א מורא'דיגע ערציילונג אויף א תמימות'דיגע תפילה וואס איז געזאגט געווארן מיט א ריינע אמונה און האט צוגעברענגט א וואונדערליכע ישועה:

"מיט גרויס שמחה איז בשעה טובה ומוצלחת געבוירן געווארן א יונגל צו איינע פון די מכובד'יגע פאמיליעס אין די באגדאדער קהילה, וואס רבי יעקב איז געווען פאררעכנט צווישן אירע גרויסע רבנים.

דער קינד איז געווען זייער זיס און באַחנ'ט פון ווען ער איז געבוירן געווארן. ווען עס איז געווארן אכט טעג האט מען אים גע'מל'ט און איז אריין בבריתו של אברהם אבינו ע"ה. אזוי ווי די שטייגער פון פיצלעך קינדער האט ער אנגעהויבן וויינען ביי די ברית, אבער אנדערשט פון אנדערע קינדער, האט דער קינד נישט אויפגעהערט פון וויינען. פון דער טאג און ווייטער האט זיך אנגעהויבן א שרעקליכע מסכת פון יסורים פאר אים און זיינע עלטערן. ער האט געוויינט אן א אויפהער; בייטאג און ביינאכט, פארן עסן און נאכדעם, שבת און אין די וואכן טעג, אין הויז און אינדרויסן. בקיצור - דאס לעבן מיט אים צוזאמען איז נישט געווען צום אויסהאלטן.

רעדט אייך נישט איין אז ער האט זיך גערעדט פון א שטילע געוויין... דער קינד וואס האט געשריגן פון געוויין האט אלעמען אויפגעשווידערט, אויסער די עטליכע שעה'ן פון זיין שלאף, האבן די עלטערן נישט געהאט א מינוט מנוחה.

וואס האבן זיי נישט פרובירט צו טון פאר זייער קינד וואס ליידט; זיי האבן זיך געוואנדן צו די גרעסטע פראפעסארן אין זייער געגנט, באוואוסטע און גרויסע פראפעסיאנאלן וואס האבן געהאט אסאך וויסנשאפט אין ענליכע זאכן, אבער זיי האבן געבראכן זייערע הענט אן צו קענען העלפן. די אלע רעזולטאטן פון די בדיקות זענען געווען גוט, און עס האט זיך נישט אנגעזען קיין שום קראנקייט אדער א ווייטאג וואס קען צוברענגען דעם קינד זאל וויינען אזוי שטארק.

זייענדיג פארקלעמט האבן זיינע עלטערן פרובירט זיך צו ווענדן צו די פארשידענע 'עושי נפלאות'. זיי האבן זיך געלאזט קאסטן געלטער אויף פארשידענע סארט קמיעות און אויף זעלטענע סגולות וואס דער שכל קען נישט באגרייפן וויאזוי זיי ארבעטן, אבער גארנישט האט גענוצט.

דער סדר היום איז זייער הויז איז אינגאנצן געענדערט געווארן, און זיי האבן שוין נישט אויסגעהאלטן און געקענט פארטראגן. זיי האבן נישט געהאט א טאג און נישט א נאכט, נישט צייט פון עסן צי א צייט פון טרינקען, נישט א צייט צו זיין פריילך אדער זיין טרויערדיג... אלעס האט זיך געדרייט ארום דעם קינד וואס האט גארנישט געקענט טון, נאר וויינען און שרייען.

*

אין א געוויסע טאג איז די מאמע ארויסגעגאנגען אין מארק, דערנאך וואס זי האט זוכה געווען צו עטליכע שעה פון רואיגקייט אין זכות וואס איר מאמע איז געקומען זיך אומקוקן אויפן קינד ווען זי וועט ארויסגיין, און אט ביים אריבערגיין א קליינע געסל וואס פירט צו די מארק, איז זי איבערראשט געווארן צו זען אויף די ערד א בלאט וואס אויף דעם זענען געווען געשריבן ווערטער אויף לשון הקודש.

אזוי ווי אסאך און אפילו מכובד'יגע פרויען אין יענע תקופה, האט יענע פרוי נישט געקענט שרייבן און ליינען, אבער זי האט פארשטאנען און געקענט באמערקן לויט די אויסזעהן פון די בלאט אז דאס איז ארויסגעריסן געווארן פון א הייליגע ספר. זי האט אויפגעהויבן די בלאט און אריינגעלייגט אין איר טאשקע כדי עס צו לייגן אין 'גניזה' נאכן זיך אומקערן אהיים, אבער פלוצלינג האט אויפגעבליצט אין איר מוח א איבערראשנדע געדאנק:

'מיר זענען דאך שוין מיד פון צו זוכן א רפואה פאר אונזער באליבטן זון. מיר האבן פרובירט אלע ערליי מעדיצינען, קמיעות און סגולות אבער אן ערפאלג; ווער ווייסט, אפשר איז דער הייליגער בלאט צו מיר געשיקט געווארן פון הימל כדי דורך דעם זאל קומען די ישועה צו מיין קינד...'

געטראכט און געטון. נאך וואס זי איז אנגעקומען צו איר הויז האט זי מיט א הייליגן ציטער ריין געמאכט די בלאט פון די שטויב וואס האט זיך אין דעם אנגעקלעבט, זי האט עס געלייגט נעבן זיין קאפ און אין די זעלבע צייט האט זי געדאוונט א שטילע תפילה: 'ריבון העולמים! איך קען טאקע נישט שרייבן און ליינען, אבער דאס ווייס איך אז דער בלאט וואס איך האב געטראפן אין גאס - איז הייליג; דעריבער זאל זיין דער ווילן פון פאר דיר, מיין גאט און דער גאט פון מיינע עלטערן, דערבארעמדיגער קעניג, האב רחמנות אויף מיין קינד און פאמיליע און שיק א רפואה שלימה פאר מיין טייער קינד, די געוויין זאל זיך אויפהערן פון מיין שטוב, און פון יעצט און ווייטער זאל נאר געהערט ווערן א קול ששון וקול שמחה!'

געציילטע מינוטן האט זיך פארצויגן די תמימות'דיגע תפילה פון די מאמע, און ווען זי האט פארלאזט די צימער אין א שפעטע נאכט שטונדע ווען אירע אויגן זענען פארפלייצט מיט טרערן, האט זי נישט באמערקט אז איר פיצל קינד האט פארמאכט זיינע אויגן דעקלעך און איז איינגעשלאפן רואיגערהייט.

א קורצע צייט נאכדעם, ווען איר מאן איז אהיים געקומען פון זיין ארבעט, האט אים מקבל פנים געווען א מאדנע און אויפפאלנדע שטילקייט. דערשראקענערהייט איז ער צוגעגאנגען צו די צימער פון זיין זון, און נאכן אים זען שלאפן רואיג האט ער אין הארץ געדאנקט השי"ת און איז געגאנגען זיך לייגן.

אינדערפריה האט ער זיך אופגעוועקט און מיט ציטער האט ער געריבן זיינע אויגן. דאס איז געווען דער ערשטער נאכט נאך זייער א לאנגע צייט, וואס ער האט געקענט שלאפן עטליכע שעה'ן אין א צי. ער האט זיך געוואנדן צו זיין פרוי וואס איז אויך געווען איבערראשט, און האט איר געפרעגט: 'וואס איז היינט אנדערשט פון אנדערע טעג, וויאזוי איז געשען א נס? האסט נעכטן עפעס געטון א ספעציעלע זאך?!'

'יא!', האט די פרוי געענטפערט, און מיט א ברען האט זי דערציילט די געשעהענישן פונעם נעכטיגן טאג; זי האט געטראפן א הייליגע בלאט אויפן וועג צו די מארק, און עס געלייגט ווי א קמיע אונטער די קאפ פונעם קינד און האט געדאוונט אויף זיין געזונט. 'עס זעט אויס אז די תפילה האט גענוצט', האט זיך פארענדיגט.

ווען דער מאן האט געהערט דערפון איז ער באלד צוגעגאנגען צו די בעט פון זיין זון, ווען דאס קינד נעמט אים אויף מיט א רואיגע שמייכל. ער האט ארויסגענומען די בלאט פון אונטער די קישן און אין דעם אריינגעקוקט...

'אויה!' איז ארויסגעקומען א געשריי פון זיין מויל, 'וואס האסטו געטון?! הער צו, דער בלאט איז פון פרשת כי תבוא, און דער מאן האט איר אויפגעליינט מיט א ציטערדיגן שטימע וואס עס שטייט דארט: "יַכְּכָה ה' בְּשִׁגָּעוֹן; וּפָחַדְתָּ לַיְלָה וְיוֹמָם; בַּבֹּקֶר תֹּאמַר מִי יִתֵּן עֶרֶב וּבָעֶרֶב תֹּאמַר מִי יִתֵּן בֹּקֶר..."

אט די שרעקליכע קללות האסטו געלייגט אונטער די קאפ פון אונזער זון... און ווער ווייסט וואס וועט יעצט פאסירן מיט אים', האט דער מאן געענדיגט דערשראקענערהייט.

די פרוי האט זיך אינגאנצן נישט דערשראקן און האט געענטפערט: 'מיין טייערער מאן, פון וואו האב איך געקענט וויסן וואס איז געשריבן אין בלאט? אלע מיינע וויסנשאפטן האבן זיך באגרעניצט מיט דעם אז דאס איז א הייליגע בלאט פון די תורה. איך האב געבעטן פון הקב"ה אז אין זכות פון די הייליגע תורה און אין זכות פון די הייליגע שמות וואס זענען געשריבן אין דער בלאט זאל ער שיקן א רפואה שלמה צו אונזער זון.

זעסט דאך אז מיין תפילה האט געהאלפן...' האט די פרוי געענדיגט אירע רייד מיט א תמימות".

רבי יעקב מוצאפי פלעגט ענדיגן זיין ערציילונג פאר זיינע תלמידים: "געבט נאר א קוק, זעהטס ווי גרויס איז די כח פון א תפילה וואס ווערט געזאגט מיט די ריכטיגע אמונה. אזא תפילה קען איבערדרייען מידת הדין אויף מידת רחמים, און אויך די שווערסטע קללות אויף די בעסטע ברכות".

'ארי עלה מבבל' עמ' מח

עיצובים shay